# TEL AVIV UNIVERSITY:  Division of Foreign Languages

## בחינת מיון ביידיש לדוגמה

**משך הבחינה : 3 שעות**
**חומר עזר המותר לשימוש בבחינה: מילון**

**שם הנבחן:** ___________________________________

**ת.ז. :** ___________________________________

**דערגאַנצט די ווײַטערדיקע זאַצן מיט די פּאַסיקע פּאָסעסיווע פּראָנאָמען (10)**

*דאָס איז **פּיני** און אָט זענען* | **זײַנע** | *ברידער.*

1. **מיר** האָבן געוווינט דאָ. דאָס איז געווען ____________________ דירה.
2. **בײַ מיר** זענען דאָ אַ סך טײַערע זאַכן. למשל, דאָס איז _______________ אויטאָ.
3. **די באָבע** האָט געוווינט דאָ. דאָס איז געווען ____________________ צימער.
4. **דוד און דבֿורה** האָבן שיינע קינדער. ווי אַלט זענען ____________________ קינדער?
5. **אײַך** טוט וויי דער קאָפּ? ווו איז ____________________ דאָקטער?

**דערגאַנצט די ווײַטערדיקע זאַצן מיט דעם פּאַסיקן פּערזענלעכן פּראָנאָם (10)**

*דאָס איז **מײַן חבֿרטע**. הײַנט גיי איך מיט* | **א י ר** | *אין קינאָ.*

1. **דער פּרעזידענט** לייגט זיך שלאָפֿן. עס טוט ____________________ וויי דער קאָפּ.
2. **זי** האָט דאָס בוך נישט ליב. דאָס בוך געפֿעלט ____________________ נישט .
3. **קינדער! איר** לייענט אַ סך ביכער. איך וועל ____________________ קויפֿן אַ נײַ בוך.
4. **מיר** פֿאַרשטייען נישט. ווער וועט ____________________ העלפֿן?
5. **די נײַע תּלמידים** זענען קלוג. איך רעד מיט ____________________ אַ סך.

**לייענט די ווײַטערדיקע טעקסטן און קלײַבט אויס דעם בעסטן ענטפֿער (20)**

די קונסטקענערינס, דפֿנה און לירון, האָבן באַשלאָסן צו גיין אין תּל-אָבֿיבֿער מוזיי צו זען די איצטיקע אויסשטעלונג פֿון אַ באַרימטן ישׂראלדיקן מאָלער. כאָטש זיי האָבן זיך געפֿרייט מיט דער מעגלעכקייט צו זען די דאָזיקע אויסשטעלונג, צום באַדויערן, זענען די מאָדערנע בילדער זיי נישט זייער שטאַרק געפֿעלן געוואָרן. אַחוץ דפֿנה און לירון, זענען אַלע פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון דעם מאָלערס פֿאַנטאַזיע.

1. דפֿנה און לירון

(א) האָבן נישט ליב קונסט (ג) זענען קינסטלערינס

(ב) זענען פֿאַרכאַפּט געוואָרן (ד) האָבן ליב קונסט

2. זיי האָבן געמיינט אַז די בילדער אין דער אויסשטעלונג

(א) זענען נישט אינטערעסאַנט (ג) זענען קינסטלעריש

(ב) זענען פֿאַרכאַפּט געוואָרן (ד) האָבן חן

3. די מעגלעכקייט צו גיין אין מוזיי

(א) באַדויערן זיי (ג) האָט זיי דערפֿרייט

(ב) איז נישט געפֿעלן געוואָרן (ד) איז נישט געווען

4. דעם מאָלערס פֿאַנטאַזיע

(א) האָט לירון און דפֿנה פֿאַרכאַפּט (ג) איז קראַנק

(ב) האָט דעם עולם פֿאַרכאַפּט (ד) האָט קונסט ליב

5. דער וואָס האָט דעם זעלביקן טעם ווי לירון און דפֿנה

(א) האָט קונסט בכלל נישט ליב (ג) איז נישט קינסטלעריש

(ב) זאָל נישט זען די אויסשטעלונג (ד) זאָל פֿאַרכאַפּט ווערן

די מאַמע פֿלעגט זיך בייזערן אויפֿן קינד. הײַנט, האָט הערשעלע געצייכנט אַ סך קליינע בלימעלעך אויף דער וואַנט. געוויינטלעך, זײַענדיק אין אַזאַ סיטואַציע, וואָלט זי אים געזאָגט: "אויב דו וועסט זיך נישט פֿירן ווי אַ מענטש, וועסטו כאַפּן פּעטש פֿונעם טאַטן ווען ער וועט אַהיימקומען." דאָס מאָל, אָבער, דאַנקען גאָט, איז די מאַמע געבליבן רויִק און איז נישט אין כּעס געוואָרן.

1. די מאַמע
(א) האָט זיך געבייזערט
(ב) איז שלעכט
(ג) ווערט **געוויינטלעך** אין כּעס
(ד) האָט ליב קונסט

2. די בלימעלעך אויף דער וואַנט זענען געשאַפֿן געוואָרן
(א) אין כּעס
(ב) פֿון דער מאַמע
(ג) נישט קינסטלעריש
(ד) פֿונעם קינד

3. דעם קינדס פֿאַנטאַזיע
(א) האָט די מאַמע פֿאַרכאַפּט
(ב) איז נישט קינסטלעריש
(ג) האָט די בלימעלעך געשאַפֿן
(ד) איז פּראָבלעמאַטיש

4. דער טאַטע
(א) איז געווען אין דער היים
(ב) איז אין כּעס
(ג) האָט געפּאַטשט דאָס קינד
(ד) וועט קומען שפּעטער

5. אַז מען באַרויִקט זיך אַזוי ווי די מאַמע
(א) ווערט מען נישט אין כּעס
(ב) פּאַטשט מען אַליין דאָס קינד
(ג) קען מען נישט דאַנקען גאָט
(ד) כאַפּט מען פּעטש

**אַ האָטעל ווו מע רעדט ייִדיש** פֿון שׂרה־רחל שעכטער November 26th, 2010

אין אוריאל ווײַנרײַכס האַנטביכל פֿאַר טוריסטן ***Say it in Yiddish*** (זאָגט עס אויף ייִדיש) גיט ער איבער פֿאַרשידענע טערמינען און פֿראַגעס, וואָס אַ קונה קאָן פֿרעגן ווען ער באַשטעלט אַ צימער אין אַ האָטעל, ווי, למשל, "וויפֿל קאָסט אַ צימער מיט צוויי בעטן?" אָדער "צי סערווירט מען דאָ פֿרישטיק?" אָבער צוליב דעם וואָס ס׳איז הײַנט נישט פֿאַראַן קיין ייִדיש־רעדנדיקע מלוכה, זעט דאָס ביכל אויס מער ווי אַ פֿאַנטאַזיע פֿאַר ייִדישיסטן, איידער אַ פּראַקטישער וועגווײַזער.

אויב אָבער אַ מענטש באַשליסט אײַנצושטיין אינעם נײַעם "קאָנדאָר־האָטעל" אין ברוקלין, וועט ער נישט בלויז קענען שטעלן זײַנע פֿראַגעס אויף ייִדיש, נאָר ער וועט אויך הערן ווי מענער פֿירן געשעפֿטן אויף די מאָבילקעס, און ווי מאַמעס שרײַען נאָך די קינדער — אַלץ אויף מאַמע־לשון.

דער פֿינף־שטאָקיקער "קאָנדאָר־האָטעל", וואָס האָט זיך געעפֿנט מיט אַכט וואָכן צוריק, באַשטייט פֿון 35 קלענערע און גרעסערע צימערן, און געפֿינט זיך אויף פֿרענקלין־עוועניו, אַ קליין געסל אין דער חסידישער געגנט פֿון וויליאַמסבורג. אין פֿאַרגלײַך מיט אַנדערע האָטעלן, וואָס לעכצן הײַנט נאָך קונים בעת די שווערע עקאָנאָמישע צײַטן, גייט עס דעם "קאָנדאָר", ברוך־השם, זייער גוט. במשך פֿון די ערשטע צוויי חדשים, זענען בײַ זיי שוין אײַנגעשטאַנען געשעפֿטסלײַט פֿון ישׂראל, לאָנדאָן און מאָנטרעאָל, און אויך גאַנצע גרופּעס, וואָס זענען געקומען קיין וויליאַמסבורג זיך צו באַטייליקן אין שׂימחות.

ווי דער פֿאַרוואַלטער, קאַלער, גיט איבער, האָבן די אייגנטימער פֿונעם האָטעל, זלמן גלויבער און זעליג ווײַס, דערפֿילט, אַז ס׳איז דאָ אַ שטאַרקער פֿאַרלאַנג פֿאַר אַ האָטעל אין וויליאַמסבורג. (אין באָראָ־פּאַרק זענען שוין דאָ צוויי אַזוינע האָטעלן.)

"אַ סך מענטשן האָבן דאָ נישט קיין פּלאַץ אַרײַנצונעמען געסט ווען זייערע משפּחות קומען אויף אַ שׂימחה," האָט קאַלער דערקלערט. און פֿרומע געשעפֿטסלײַט וואָס קומען קיין ניו־יאָרק, און האָבן נישט קיין משפּחה דאָ, באַשליסן, אַז ס׳איז מער כּדאַי אײַנצושטיין אין וויליאַמסבורג אין אַ כּשרן האָטעל, ווי אין אַ האָטעל אין מאַנהעטן, וואָס פֿאַרשטייט נישט די באַדערפֿענישן פֿון אַ פֿרומען ייִד.

אין די געוויינטלעכע האָטעלן, למשל, שאַפֿן זיך שווערקייטן שבת (נישט בלויז פֿאַר חסידים, נאָר פֿאַר אַלע ייִדן וואָס היטן שבת), ווײַל בײַ כּמעט אַלע האָטעלן הײַנט צו טאָג איז דער שליסל צו דער טיר אַן עלעקטראָנישער. די פּראָבלעם איז, שבת טאָר מען נישט ניצן קיין עלעקטראָנישע אַפּאַראַטן. הגם דער "קאָנדאָר־האָטעל" ניצט אין די וואָכנטעג אויך עלעקטראָנישע שליסלען, טיילן זיי ערבֿ־שבת אויס פּשוטע האַנטשליסלען. מוצאי־שבת קערט דער גאַסט אום דעם האַנטשליסל, און באַקומט ווידער דעם עלעקטראָנישן.

**פֿראַגעס:**

1. פֿאַר וואָס זעט הײַנט אויס ווײַנרײַכס בוך *Say it in Yiddish* ווי ניט פּראַקטיש?

2. באַשרײַבט דעם קאָנדאָר האָטעל אין אײַערע אייגענע ווערטער.

3. וועלכן עולם דינט דער האָטעל און וואָס זענען זייערע ספּעציעלע באַדערפֿענישן?

4. צי גלוסט זיך אײַך אײַנצושטיין אין דעם דאָזיקן האָטעל? פֿאַר וואָס?

5. וווּהין וואָלט איר געוואָלט פֿאָרן אויף וואַקאַציעס?

**<u>צווישן צוויי וועלטן</u>** פֿון <u>עדי מהלאל</u> אין ***ווײַטער, #2*** 2011

ניט לאַנג צוריק איז דערמאָרדעט געוואָרן דער אַקטיאָר, קינאָ־רעזשיסאָר און גרינדער פֿון דעם "פֿרײַהייט־טעאַטער" אין דזשענין, דזשוליאַנאָ מער־כאַמיס.

מען רעכנט, אַז די מערדערס זײַנען געווען קעגן אַן אינסטיטוציע, וווּ מענער און פֿרויען שפּילן צוזאַמען אויף דער בינע. דערצו האָט די פֿאַנאַטיקערס געשטערט, אַז מער־כאַמיס איז אויך אַ ייִד: זײַן מאַמע איז געווען אַ ייִדישע פֿרוי, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסטלעכן אַראַבער, אַ קאָמוניסט פֿון חיפֿה.

אין יאָר 2004 האָט מער־כאַמיס געמאַכט דעם פֿילם "אַרנעס קינדער" וועגן זײַן מאַמען און איר אַרבעט מיט דעם יונגוואַרג אין דזשענינער פּליטים־לאַגער. נאָך איר טויט און נאָך דעם גרויסן דערפֿאָלג פֿונעם פֿילם, האָט דזשוליאַנאָ באַשלאָסן ממשיך צו זײַן איר וויכטיקן פּראָיעקט און געגרינדעט דעם דזשענינער "פֿרײַהייט־טעאַטער". זײַן הייליקע מיסיע צו געבן די פּאַלעסטינער קינדער אינעם פּליטים־לאַגער די מעגלעכקייט זיך אויסצודריקן דורך קונסט און ניט דורך געוואַלד איז אויך ניט זייער געפֿעלן געוואָרן אין ישׂראל גופֿא. קיינער האָט דאָך ניט ליב קריטיק קעגן זיך אַליין.

דער "פֿרײַהייט־טעאַטער" האָט געהאַט אַ גרויסע צאָל אָנהענגערס — ייִדן און ניט־ייִדן פֿון איבער דער גאָרער וועלט, וואָס האָבן געגלייבט און געשטיצט דעם טעאַטער, ישׂראלים בתוכם. שטיצנדיק אַזאַ מין וועלטלעך־מאָדערנע אינסטיטוציע, האָבן די דאָזיקע מענטשן פֿון דרויסן אַ סך געהאָלפֿן צו פֿאַרשטאַרקן די מעסיקע שיכטן אין דער פּאַלעסטינער געזעלשאַפֿט.

מער־כאַמיס וועט שטאַרק אויספֿעלן אי די ישׂראלדיקע, אי די פּאַלעסטינער ליבהאָבער פֿון קולטור.